'משכני'
שע"י התאחדות בחורי חסידי
תולדות אהרן בארה"ב
בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

# יחידהי

אין אידיש
גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

0722 531 385
646 518 1014
033 3366 1567

פרשת ויחי תשפ"ג / גליון כ'

אויף קול־דודי ליין
שובו בנים שובבי"ם!
חסיד'ישע שמועסן
אויף ימי השובבי"ם
פון די גדולי המשפיעים שליט"א
אין נומער 9

## חסיד'יש גערעדט

א חסיד'ישע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# אהבה - אין יעדן פאל

**יא! אזוי איז עס! די נשמה פון א איד איז א 'חלק אלוק ממעל', און אפילו טאמער זי האט חס ושלום פארגעסן פונעם אויבערשטן, נאכאלץ איר געטליכע מעלה - אט דאס איז איר עכטע שטרעבן!**

ר' מענדל זיצט מיט זיין חבר ר' זעליג אין זיין דיינונג רום. ער גיסט זיך אויס זיין הארץ מיט ביטערע טרערן און טיפע קרעכצן.

"דו פארשטייסט מיין ווייטאג?", ווענדט ער זיך צו ר' זעליג וועלכער זיצט מיט אן אפענע אויער און ברייטע הארץ, "מיין מאיר-יחזקאל'ע דרייט זיך ארום ליידיג טאג און נאכט! א פשוט'ער ליידיג-גייער! ער עפנט נישט אויף קיין ספר ווי גרויס דער טאג איז! אפילו קיין סידור עפנט ער נישט אויף. אוי, ווי דאס עסט מיר אויף לעבעדיגערהייט. ער האט דאך א גוטן קאפ, ער האט דאך א גוט הארץ, ער פארמאגט דאך אזעלכע כוחות הנפש, און ער ווערט פשוט צוריבן פון גארנישט טון. מיין הארץ גייט מיר אויס - יעדעס מאל וואס איך טראכט פון אים. און דאס ערגסטע פון אלעם איז נאך, אז ער כאפט שוין אפילו נישט אז עפעס איז שלעכט מיט אים! און ווען איך פרוביר אים צו פרעגן: "מאיר יחזקאל, וואס וועט זיין מיט א פאר מינוט תורה?! ווען וועסטו גיין דאווענען?!" - קוקט ער מיר אן ווי איינער וואס ווייסט נישט וואס מען וויל פון אים האבן. פון זיין זייט, איז ער ממש אין ארדענונג. איך קען אים פשוט נישט אנקוקן וויאזוי ער זעט אויס, איך האלט שוין נישט אויס דעם ווייטאג".

פלוצלינג הערט מען קלאפן אין טיר. מאיר יחזקאל שטייט ביים טיר מיט אויסגעלאשענע אויגן.

"אה, מאיר-יחזקאל'ע", שפרינגט ר' מענדל אויף און נעמט אים ארום מיט געפיל. "איך האב אזוי געווארט אויף דיר! דו ברענגסט אריין אזא ליכטיגקייט דא אינדערהיים - יעדעס מאל וואס דו קומסט אריין אין שטוב! איך זעה אויף דיין פנים די אלע גוטע זאכן וואס דו האסט היינט געטון! אה, דו האסט אזא גוט הארץ! איך בין אזוי גליקליך אז איך בין דיין טאטע!".

ר' זעליג שטייט געפלעפט און צומישט. פאר א מינוט צוריק איז ר' מענדל געווען אזוי פארוויטאגט און פארוויינט איבער זיין תכשיט'ל, זאגנדיג אז ער קען אים שוין נישט אנקוקן. און דא פלוצלינג, אזא אהבה?! ער באגיסט אים מיט שבחים און קאמפלימענטן כאילו מען רעדט דא פונעם 'מצויין' פון ישיבה. וואס גייט דא פאר?!

ווי נאר דער יונגאטש איז ארויסגעגאנגען פון דיינונג רום, ווענדט זיך ר' זעליג צו ר' מענדל מיט אן אפענע וואונדער: "דו ביסט אפשר גערירט געווארן?".

"אוי, דו פארשטייסט מיר נישט", ענטפערט ר' מענדל גראד פון הארצן ארויס, "דו מיינסט אז ער איז עכט שלעכט? איך קען אים דאך גוט און איך ווייס אז ער איז פול מיט גוטס. מיין ליבשאפט צו אים איז נישט געווארן 'אויס' פאר קיין איין סעקונדע! איך קען אים אין זיין אינערליכער פנימיות און איך ווייס אז ער איז נישט קיין שלעכטער! ער בלאנדזשעט נאר נעבעך ארום, און אים אליינס טוט אויך וויי זיין מצב! און איך זאג דיר, דו וועסט נאך זען ווי ער וועט צוריקקומען!

## פארוויטאגט - אבער דאך נאנט!

**פאר א מינוט צוריק איז ר' מענדל געווען אזוי פארוויטאגט און פארוויינט איבער זיין תכשיט'ל, און פלוצלינג, אזא אהבה?! ער באגיסט אים מיט שבחים**

דער 'תולדות' איז מסביר דעם פסוק "ועיני ישראל". זאגט ער אזוי:

**"הֵם הַצַּדִּיקִים שֶׁהֵם עֵינֵי הַדּוֹר, עַל שֵׁם שֶׁמַּשְׁגִּיחִים וּמִסְתַּכְּלִים תָּמִיד בְּכָל פְּעֻלָּתָן שֶׁל אוֹתוֹ הַדּוֹר, שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה ח"ו שׁוּם עַוְלָה וּפִרְצָה, וְאִם רוֹאֶה הַצַּדִּיק בְּמַעֲשֵׂיהֶם אֵיזֶה עַוְלָה, אֲזַי מוֹכִיחָם נֶגֶד פְּנֵיהֶם לְהַחֲזִירָם לְמוּטָב".**

קומט דער 'דגל' און איז לויט דעם מסביר דעם גאנצן פסוק: **"יֵשׁ לוֹמַר שֶׁמְּרֻמָּז כָּאן בַּפָּסוּק: 'וְעֵינֵי יִשְׂרָאֵל' - הַיְנוּ הַצַּדִּיקִים וַחֲכָמִים שֶׁהֵם עֵינֵי יִשְׂרָאֵל, 'כָּבְדוּ מִזֹּקֶן' - הַיְנוּ שֶׁכָּבְדוּ מִלְּהִסְתַּכֵּל לִפְעֻלּוֹת יִשְׂרָאֵל, וְהַיְנוּ 'מִזֹּקֶן' - רָצָה לוֹמַר מֵחֲמַת שֶׁמַּעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים נִתְיַשֵּׁן מְאֹד, וְהֻרְגְּלוּ בָּהֶם כָּל כָּךְ עַד שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם כְּהֶתֵּר, וּלְכָךְ אִי אֶפְשָׁר כְּלָל לְהוֹכִיחַ אוֹתָם עַל מַעֲשֵׂיהֶם... וּלְכָךְ 'לֹא יוּכַל לִרְאוֹת' - הַיְנוּ אִי אֶפְשָׁר** [-פאר די צדיקים] **לְסַבֵּל וּלְהַכִּיר וְלִרְאוֹת בְּמַעֲשֵׂיהֶם** [-פון די אידן] **מִגֹּדֶל הַשִּׁבְרוֹן לֵב שֶׁרוֹאִים שֶׁהָעָם מִתְפָּרְצִים כָּל כָּךְ, וּבְעֵינֵיהֶם אֵין עוֹשִׂים שׁוּם רַע חָלִילָה רַק כֻּלָּם צַדִּיקִים גְּמוּרִים, וְאִי אֶפְשָׁר לְהוֹכִיחַ אוֹתָם".**

נו, לכאורה רעדט זיך דאך דא פון א שרעקליכן מצב: דער צדיק איז געטריי צו זיין אויפגאבע צו זאגן מוסר פארן פאלק און זיי מעורר זיין צו תשובה, אבער זיי פארשטייען בכלל נישט אז עפעס טויג נישט מיט זיי... זיי זענען שוין נעבעך אזוי פארזונקען, אז עס קוקט זיי שוין אויס ווי אלעס איז אין בעסטן ארדענונג... פארן צדיק טוט דאס געפערליך וויי און ער קען זיי שוין אפילו נישט אנקוקן.

אבער דא לערנט אונז דער 'דגל' וויאזוי מיר דארפן זיך באציען צו א איד - נישט קיין חילוק אין וועלכן מצב ער געפונט זיך. **"וְאַף עַל פִּי כֵן 'וַיַּגֵּשׁ אוֹתָם אֵלָיו' - הַיְנוּ שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁקָּשֶׁה לַצַּדִּיק מְאוֹד מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים, עִם כָּל זֶה הוּא מְקָרֵב אוֹתָם אֵלָיו, בְּחוֹשְׁבוֹ 'וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים' אֲפִלּוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל מְלֵאִים מִצְווֹת כְּרִמּוֹן, 'וַיְחַבֵּק לָהֶם' - הוּא גַּם כֵּן לְשׁוֹן קֵרוּב, שֶׁחוֹבְקוֹ בִּזְרוֹעוֹתָיו, וְהַיְנוּ שֶׁהוּא מְקָרֵב לָרוֹצִים לְהִתְקָרֵב אֶל הַצַּדִּיק בְּכָל מִינֵי קִרְבָה וְחִבָּה, וְעוֹד יוֹתֵר מִזֶּה 'וַיִּנַּשֵּׁק לָהֶם' - הַיְנוּ דְּבֵקוּת וְזִוּוּג רוּחָא בְּרוּחָא".** אין וואספארא צושטאנד דער איד שטייט יעצט - איז ער נאכאלץ ראוי און עס קומט זיך אים א 'קירוב' און א 'דביקות' פונעם צדיק! און נישט סתם א קירוב, נאר א בחינה פון 'רוחא ברוחא'!!!

דער 'דגל' זעצט פאר, אז כאטש וואס דער 'קירוב' פונעם צדיק איז נישט אינגאנצן בשלימות; ווי ער איז מסביר: **"שֶׁאֵינוֹ נֶהֱנֶה מִפְּעֻלּוֹתֵיהֶם, וּבִפְרָט שֶׁאִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת זִוּוּג וּדְבֵקוּת רוּחָא בְּרוּחָא כָּרָאוּי, כִּי אֵיךְ יִקָּשֵׁר נֶפֶשׁ צַדִּיק בְּנֶפֶשׁ עֲשׂוֹת רַע שֶׁהֵם שְׁנֵי הֲפָכִיִּים - עִם כָּל זֶה קֵרְבָם".** ריכטיג טאקע אז דער רשע מיטן צדיק קענען נישט ווערן אינגאנצן באהאפטן, און אודאי איז נישט שייך אז דער צדיק זאל הנאה האבן פון די מעשים פונעם רשע. אבער דער חידוש איז, אז מיט דעם אלעם, כאטש עס טוט אים טאקע זייער שטארק וויי ווי דו קוקסט אויס, און זיין הארץ טריפט מיט בלוט פארוואס ער קען דיר נישט מקרב זיין אינגאנצן בשלימות - דאך איז ער דיר מקרב וויפיל ער קען יא.

## אפרים לפני מנשה

דער 'דגל' איז מסביר דעם פסוק: **"'וַיָּשֶׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה' - כִּי שְׁנֵי בְּחִינוֹת אֵלּוּ 'אֶפְרַיִם' וּ'מְנַשֶּׁה' יֵשׁ בְּיִשְׂרָאֵל. ['מְנַשֶּׁה'] - עַל שֵׁם כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹקִים וכו', הַיְנוּ לְשׁוֹן שִׁכְחָה שֶׁשּׁוֹכְחִים בַּה' הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא בְּמַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים, וְ'אֶפְרַיִם' - הוּא לְשׁוֹן פָּרָה וְרָבָה, הַיְנוּ שֶׁעִם כָּל זֶה הֵם מְלֵאִים מִצְווֹת וכו'. וְהוּא שֶׁרֶמֶז הַפָּסוּק שֶׁהַצַּדִּיק מְקָרֵב מְאוֹד אֲפִלּוּ אֶת כָּל הָרְשָׁעִים, וְהוּא מֵשִׂים אוֹתוֹ בְּחִינַת הַטּוֹב שֶׁל 'אֶפְרַיִם' שֶׁבָּהֶם לָעִקָּר וְרֹאשׁ, לִפְנֵי בְּחִינַת הָרַע שֶׁבָּהֶם שֶׁהוּא 'מְנַשֶּׁה'. 'כִּי מְנַשֶּׁה הַבְּכוֹר' - הַיְנוּ דְּבֶאֱמֶת 'מְנַשֶּׁה' הַיְנוּ הַבְּחִינַת הָרַע שֶׁבָּהֶם - הוּא הָעִקָּר וּמִתְגַּבֵּר יוֹתֵר בָּהֶם,**

המשך אין עמוד ב

# כי יפול

## נסיונות - נו, אבער פארוואס נפילות? • וואס טוט א חכם כדי נישט דורכצופאלן? • זענען די געפילן פון דערוויטערונג בארעכטיגט?

**אברהם יצחק:** משפיע לעבן, היינט בין איך דא צו שרייען! צו וויינען! נישט כדי צו פרעגן, נאר ארויסצוברענגען א ווייטאג ווייס איך גיי אריבער אויף א טעג טעגליכע פארנעם!

**משפיע:** אוי ווי, וואס טוט דיר וויי? אויף וואס שרייסטו?

**אברהם יצחק:** פשוט. מיר זיצן און רעדן וועגן נסיונות. איך הער 'געדאנקען', מען טראכט פון 'טעאריעס', ס'איז מורא'דיג. מען קען מיינען אז מיר האנדלען דא איבער מענטשן וואס זענען פאררוקט ערגעצוואו אין אוזבעקיסטאן אדער הינטער די הרי חושך, קלערנדיג:

> נישט גענוג ער רייצט אים אן אויסצופירן די עבירה, נאר ער איבערצייגט אים אז ער האט זיך דערמיט אפגעהאקט פונעם אויבערשטן אזוי טרונקט ער אויס זיין גאנצע חיות ח"ו

פארוואס האבן זיי נסיונות? אה, וועגן 'העכערע' זאכן, וועגן 'יתרון האור מתוך החושך' או"וו. דאס איז מיין פראבלעם? נסיונות? איך רעד וועגן נפילות! ס'איז נישט אזיווי איך וויל זיצן על מי מנוחות און זיך נישט אנשטרענגען אין עבודת ה', און דערפאר דארף מען מיר אויפקלערן אז מ'דארף דייקא האבן נסיונות כדי זיך צו דערהייבן. מ'רעדט דא פון אין א מצב פון דורכפעלער און מכשולות! ס'טוט אזוי וויי! באשעפער, וואס טוט מען?

**משפיע:** צוערשט, בארואיג זיך אביסל. נעם א טיפע אטעם. קודם כל, דו ביסט נישט אליין, דו ביסט נישט דער ערשטער וואס ספראוועט זיך מיט דורכפעלער, און דו ביסט נישט דער ערשטער וואס זוכט אן עצה דערויף, און ס'איז ב"ה דא עצות. צדיקים האבן אונז אויסגעפלאסטערט דער וועג, און ס'איז דא א געוואלדיגע סייעתא דשמיא פאר איינער וואס זוכט נענטער צו ווערן צום אויבערשטן. דו ביסט נישט איינזאם! מיין נישט אז מ'האט דיר געלאזט אליין אויפן וואסער...

**אברהם יצחק:** די וועלט זאגט: "צרת רבים נחמת שוטים", א נאר טרייסט זיך מיט דעם אז יעדער ליידט. ס'קוקט אויס אז איך דארף חיזוק? איך דארף אן עצה, נישט חיזוק!

**משפיע:** קודם כל, יא! דו דארפסט אויסדריקליך האבן חיזוק! יעדער דארף חיזוק, און דו ביסט נישט אנדערש.

צווייטנס, ווילאנג דו בארואיגסט זיך נישט וועסטו נישט קענען אננעמען קיין שום עצה, ווייל וואס חיזוק טוט, איז אז ס'געבט דיר די כלים און א דרך וויאזוי צוריקצוקעמפן מיטן יצר הרע, און ווילאנג דו ביסט נישט בשמחה, ווערט די זיין אוממעגליך צו צוטרעטן צו עבודת ה' מיט א שלימות, אזוי ווי דער בעל התניא שרייבט אין זיין ספר (פרק כו): **"צריך לאודעי כלל גדול! כי כמו שנצחון לנצח דבר גשמי כגון שני אנשים המתאבקים זה עם זה להפיל זה את זה, הנה אם האחד הוא בעצלות וכבדות ינוצח בקל ויפול גם אם הוא גבור יותר מחבירו, ככה ממש בנצחון היצר אי אפשר לנצחו בעצלות וכבדות הנמשכות מעצבות וטמטום הלב כאבן, כי אם בזריזות הנמשכת משמחה ופתיחת הלב וטהרתו מכל נדנוד דאגה ועצב בעולם".** ווילאנג דו ביסט געפאלן ביי זיך איבער דיין מצב און דיינע נפילות, וועט דיר אנקומען אומגעהויער שווער זיך צו ריכטיג פארמעסטן דערמיט.

## א קלוגער ווייסט נישט אריינצופאלן אינעם גרוב

**אברהם יצחק:** פיין, אבער וואספארא חיזוק געבסטו מיר? אז כ'בין אזויווי יעדער, און אז אלע פארמעסטן זיך? אבער די שאלה איז **וויאזוי** מען פארמעסט זיך?... און אויסער דעם, כ'וויל פטור ווערן פון אלע דורכפעלער! איך פארשטיי אז מ'מוז דורכגיין נסיונות צוליב פארשידענע תיקונים און כדי ארויסצוברענגען אן 'אור'... נו גוט! דער פראבלעם איז, אז די ציל פון נסיונות איז אז מ'זאל דווקא נישט דורכפאלן, ווידעראום איך געפין זיך נאכאנאנד צווישן איין נפילה אין די צווייטע, וואס טוט מען? וויאזוי זעט מען זיך ארויס פון דעם?

**משפיע:** איך זע שוין, דו גלייכסט צו זיין אזא סארט מענטש וואס פאלט קיינמאל נישט דורך. איי יעדער ווייסט אז 'א מענטש איז נאר א מענטש', און ווילאנג דו ביסט א 'בשר ודם' איז נישטא קיין אויסזיכט צו כסדר זיין אין א מצב פון עליה אן ליידן פון קיין שום גליטש און מכשול...

**אברהם יצחק:** פארוואס איז עס טאקע אזוי? פארוואס איז א מענטש באשאפן געווארן אין אזא פארעם אז ער מוז שטענדיג האבן דורכפעלער?

**משפיע:** פארוואס האט אונז דער אויבערשטער אזוי באשאפן - איז א שמועס פאר זיך. אבער איך וויל צוערשט בארעכטיגן דיין צוגאנג. מ'טאר נישט צוגיין צו דורכפעלער פון א שטאנדפונקט פון 'וויאזוי ספראוועט מען זיך מיט א נפילה', נאר די פראגע דארף ענדערש זיין 'וואס טוט מען **נישט דורכצופאלן**'! דאס איז דער אונטערשייד צווישן א 'חכם - און א 'פיקח'. איינער וואס איז 'כיטריש', האט טאקע געניאלע און שעפערישע עצות וויאזוי זיך ארויסצוזען פון סיי וואספארא פלאנטער, דאקעגן איינער וואס איז 'קלוג' ווייסט שוין פון אנפאנג וויאזוי זיך צו אכטונג געבן כדי נישט אריינצופאלן אין אזא מצב, 'החכם עיניו בראשו'! וויאזוי זאגט די וועלט? 'א חכם ווייסט נישט אריינצופאלן אין אזא לאך וואס א פיקח ווייסט וויאזוי מ'קריכט ארויס דערפון...'.

**אברהם יצחק:** הייסט אז מ'קומט צוריק צו וואס כ'האב פריער געפרעגט: "וואס טוט מען בכלל נישט דורכצופאלן"?

**משפיע:** קודם כל פארשטייט זיך די עצות פון חז"ל הקדושים: "קדש עצמך במותר לך", "סחור סחור אמרינן לנזירא", "הרחק מצ"ט שערים של היתר כדי שלא תגיע לשער אחד של איסור" או"וו. דאס איז אויסער דעם וואס דער רמב"ן (אין די מצוה פון 'קדושים תהיו') האלט אז ס'איז דא א חיוב מן התורה אוועקצושטיין פון תאוות היתר בלויז צוליב דעם עצם תאוה, אבער אפילו אן דעם, ס'ליגט דערין א ווירקזאמע עצה וויאזוי זיך אפצוהיטן

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

**מִכָּל מָקוֹם הַצַּדִּיק מְלַמֵּד זְכוּת עַל יִשְׂרָאֵל כנ"ל".** כאטש וואס ביי אים איז די שלעכטס דער 'בכור', ווייל דאס איז דער עיקר ביי אים - דאך זעט דער צדיק די גוטס.

דער 'דגל' לייגט צו נאך א הפלא'דיגער פשט אין די ווערטער "כי מנשה הבכור": **"הַיְנוּ שֶׁזֶּה אֲמָרוֹת הַצַּדִּיק: מָה שֶׁהֵם שׁוֹכְחִים בַּה' - הוּא בָּרִאשׁוֹנָה וּבִתְחִלָּה** [-וואס דאס איז מרמז "מנשה הבכור", אבער] **וְאַחַר כָּךְ נִזְכָּרִים בַּה' וּמִתְחָרְטִים מְאֹד עַל מַעֲשֵׂיהֶם וּמְקַבְּלִים עַל עַצְמָם שֶׁיֵּיטִיבוּ שׁוּב מַעֲשֵׂיהֶם. כִּי זֶה דֶּרֶךְ הַצַּדִּיק לְלַמֵּד תָּמִיד זְכוּת עַל יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ וּלְקָרְבָם בִּשְׁתֵּי יָדַיִם בְּאַהֲבָה וְחִבָּה".**

עס איז איבריג צו פארברייטערן די הייליגע און פייערדיגע ווערטער. אבער יא! אזוי איז עס! די נשמה פון א איד איז א 'חלק אלוק ממעל', און אפילו טאמער זי האט חס ושלום פארגעסן פונעם אויבערשטן, ווייסן נאכאלץ די צדיקים אז 'אפרים' קומט בעפאר 'מנשה', דאס הייסט, איר געטליכע מעלה - אט דאס איז איר עכטע שטרעבן! אט דאס איז איר אמת'ע כאראקטער! און די שלעכטע מעשים זענען בלויז זייטיג און ארויפגעקלעבט, און איין שיינעם טאג וועלן זיי אלע זיך אויפקלעבן און פארשוואונדן ווערן. און דעריבער - כאטש עס איז זייער שווער פאר די צדיקים זיך צו מדבק זיין מיט מענטשן וואס טוען שלעכטס - דאך זענען זיי מקרב די סארט אידן מיטביידע הענט מיט א ליבשאפט און נאנטשאפט, אזוי ווייט, ביז צו א 'דביקות רוחא ברוחא'! נו, וואס זאל מיר זאגן? לאמיר כאטש געדענקען די ווערטער, אז אפילו טאמער יענער פירט זיך נישט אויף פונקטליך ווי עס דארף צו זיין - זאלן מיר אים ליב האבן און מקרב זיין.

דא ליגט א דקות'דיגע נקודה: עס איז פארהאן מענטשן וועלכע רופן זיך 'אוהבי ישראל', אבער דאס קומט אויפן חשבון פון וויינעגער ווייטאגן ווען מען זעט ווי אידן פירן זיך נישט אויף ווי עס באדארף צו זיין. ניין, נישט פון דעם רעדט מען דא! דער 'דגל' זאגט קלאר אז דאס דארף גיין צוזאמען: דער צדיק שפירט א שרעקליכער ווייטאג און צער! ער קען אונז נישט אנקוקן! אבער אין דער זעלבער צייט ווייסט ער אויך, אז אונזער גוטס - איז נאך גרעסער! די שלעכטס וועט אוועקפאלן און די גוטס וועט בלייבן אויף אייביגע נצחיות! דערפאר איז ער אונז מקרב און נעמט אונז אויף מיטביידע הענט.

מיר וועלן אויספירן מיט די ווערטער פונעם 'דגל' וועלכער זאגט, אז דער דאזיגער יסוד איז נוגע אייביג און שטענדיג: **"יִשְׁמַע חָכָם וְיוֹסֶף לֶקַח בְּמוּסַר הַשֵּׂכֶל הַזֶּה הַנּוֹהֵג תָּמִיד, וּבִפְרָט בְּדוֹרוֹתֵינוּ, כִּי תּוֹרַת ה' תְּמִימָה עוֹמֶדֶת לָעַד".**


צו פארשפרייטן דער גליון אין נאך בתי מדרשים, און פאר סיי וועלכע הערה, לאזט איבער א מעסעדזש פארן מערכת אויף 347-428-6483

פון דורכפאלן מיט זאכן וואס זענען אסור. ווי מער דו דערווייטערסט זיך פון יעדער זאך וואס שמעקט פון איסור, אלץ מער ביסטו פארזיכערט נישט ארייננצופאלן דערין, דאס איז דאך בעצם די עצה פון אויבערשטן אליין.

## סיי ער פארזינדיגט און סיי ער איז אנטמוטיגט

**אברהם יצחק:** איך וועל עס ארייננעמען אין הארץ. אבער לאמיר צוריקגיין צו וואס מיר האבן גערעדט, טאמער קומט אויס אז כ'בין למעשה דורכגעפאלן, וואס טוט מען דאן?

**משפיע:** אה... לאמיר טאקע ארייננקלערן, וואס טוט מען נאך א דורכפאל? כ'וועל צוערשט ערקלערן די שורש פון די ווייטאג וואס מ'שפירט נאך א דורכפאל. ס'איז פארהאן אן אמת'ע ווייטאגליכע געפיל וואס שאפט זיך מיטן וויסן, אז מ'האט דערצערנט דעם אויבערשטן רח"ל. אבער די זאך פארפלאנטערט זיך ווען א צווייטע געפיל טשעפעט זיך מיט, נאגנדיג דעם מענטש אז ער האט זיך אינגאנצן אפגעריסן פונעם אויבערשטן, ער האט פארלוירן זיין חיות, ער פילט זיך אויסגעלאשן...

**אברהם יצחק:** ס'איז אבער טאקע אזוי. מיטן דורכפאלן ווערט מען אייגנטליך אפגעהאקט פונעם מקור הקדושה.

**משפיע:** ס'איז אבער שקר וכזב! אט די ווערטער קומען גראד ארויס פונעם יצר הרע וואס וויל אנטמוטיגן דעם מענטש און אים גענצליך אוועקרייסן פון קדושה. נישט גענוג אז ער רייצט אים אן אויסצופירן די עבירה, נאר ער איבערצייגט אים אז ער האט זיך דערמיט אפגעהאקט פונעם אויבערשטן אזוי טרונקט ער אויס זיין גאנצע חיות. אזיווי די גמרא זאגט (בבא בתרא ז.): "יורד ומתעה, ועולה ומרגיז, נוטל רשות ונוטל נשמה" - וואס די טייטש דערפון על דרך עבודה מיינט: נאכן פארזינדיגן דעם מענטש, נעמט ער נאך צו זיין נשמה, נעמליך: זיין חיות, אים ארייננווארפנדיג אין א גרוב פון ייאוש.

צדיקים האבן געטייטש דעם פסוק "צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו" אויף דעם שטייגער, דער רשע, דער יצר הרע נאכדעם וואס ער איז מכשיל איינעם, הייבט ער אים איינצורעדן אז ער איז טויט. ער פרובירט אים צו געבן די געפיל אז ער קען קיינמאל נישט צוריקקומען צו קדושה זייענדיג אינגאנצן אפגעריסן, און ער וועט זיך שוין קיינמאל קענען טרעפן אינעם זעלבן דרגה ווי ער איז געשטאנען איידער ער האט עובר געווען. דאס איז א פאלנע ליגנט! ס'איז נישטא אזא מציאות אז א איד זאל ווערן גענצליך אפגעהאקט פונעם מקור הקדושה.

**אברהם יצחק:** טאקע אזוי? וואו שטייט עס אין די ספרים?

## פון וואו קומט מיין חיות?

**משפיע:** וואס איז בכלל די פראגע? אומעטום! אלע תלמידי בעש"ט האלטן אין איין איבער'חזר'ן אז ס'איז נישטא אזא מעגליכקייט פאר אידן זיך צו מנתק זיין פונעם אויבערשטן, ער ווערט קיינמאל נישט אפגעריסן, און דער אויבערשטער לעכצעט אומאויפהערליך נאך די עבודה פון א איד אפגעזען אין וועלכע מצב ער געפינט זיך.

צום ביישפיל, איך וועל דיר ציטירן אפאר שורות אין 'מאור עינים' (פרשת יתרו): "והנה צריך האדם שגם בנפלו ממדריגתו יתאמץ לעלות אל ה' **באותו מדריגה שהוא עכשיו, כי צריך להאמין** שמלא כל הארץ כבודו ולית אתר פנוי מיניה ואפילו במדריגה שהוא עכשיו יש גם כן השי"ת, כי לית אתר פנוי מיניה... ובמה יבוא להשי"ת כשנפל ממדריגתו שהרי ניטל ממנו המוחין והדעת... השי"ת נקרא חיי החיים דהיינו שכל החיים שבעולם בהמות חיות ועופות ומין האדם החיות שלהם השי"ת, וזהו חי החיים שהוא יתברך החיות של כל החיים, ויחשוב כשנפל ממדריגתו **הלא חי אני ומי החיות שלי הלא הבורא יתברך, ונמצא יש כאן גם כן הוא יתברך**, אך שהוא מצומצם מאוד".

ווערטער זענען איבריג. און אזעלכע לשונות זענען צוזייט לענגאויס אלע ספרי תלמידי בעש"ט.

**אברהם יצחק:** אבער וואס זאל איך טון אז ווען ס'קומט למעשה פיל איך ווי כ'בין יא אפגעהאקט פונעם אויבערשטן, און אז די חיות און כוחות הקדושה פארלאזן מיר?

**משפיע:** **צום אלעם ערשט**, אט די געפיל איז אויך טייל פון די נסיון, מ'פרואווט דיר אויס צי דו גלייבסט באמונה שלימה אז לית אתר פנוי מיניה און דער אויבערשטער איז אייביג מיט דיר, און צי די אמונה דערהייבט דיר און ברענגט דיר פארצוזעצן מיט עבודת ה'. **צווייטנס**, האסט אמאל ארייננגעטראכט אז די עצם געפיל אז דו ביסט אפגעריסן פונעם אויבערשטן איז זעלבסט א צייכן אז דו ביסט נאך יעצט באהאפטן צו אים? קוק זיך אן, דו ביסט דא ארייננקומען מיט א שטורעם שרייענדיג אז קענסט נישט אזוי ווייטער אנגיין, די געפיל קומט גראד פון דיין ריינע נשמה און חלק אלקי ממעל וואס איז נאכאנאנד באהאפטן צום חיי החיים און האלט נישט ביים זיך אפהאקן פונעם אויבערשטן, און פארדעם ברענט עס אין דיר און דו זוכסט עצות וויאזוי אויפצואוועקן דיין אהבת ה'. אויב אזוי, הייב זיך! שטארקט זיך און כאפ זיך אן אינעם עץ החיים מיט חיות און לעבהאפט, "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום".

### פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**די בעסטע תיקון פון אלע תיקונים איז אננעמען ברצון די הנהגה פון אויבערשטן אין יעדן פאל!**

הרה"ק ר' משה מקוברין זי"ע



# א נאש פון הכנעה

עס איז שמחה וששון אין די גאסן פון לובלין. ווי נענטער מען קומט אן צום הויף פונעם הייליגן רבי'ן דער חוזה זי"ע, שפירט זיך די פרייד און דערהויבנקייט אלץ מער.

לשמחה מה זו עושה? ס'איז אנגעקומען א גאסט אין שטעטל. און נישט אבי א גאסט.

מ'רעדט פונעם הייליגן רבי ר' בונם זי"ע. ער איז נארוואס געקומען צו פארן פון זיין היימשטאט און ארבעטס פלאץ - דאנציג. דער רבי ר' בונם דינט דארט אלס אן אפטייקער און א סוחר.

מה לרבי בונם ולביזנעס? אויף דעם פלעגן חסידים שעפשען צווישן זיך: דאס וואס חנוך האט אויפגעטון מיטן נייען שיך, טוט דער רבי ר' בונם אויף מיטן האנדלען מיט גאלט און זילבער.

יחודים און כוונות וואס אונזערע באגרעניצטע מוחות קענען נישט דערהייבן.

רבי בונם קומט אריין צו זיין רבי'ן אין צימער. רבי בונם איז דורכגענומען אין א גייסט פון קדושה וטהרה נאך א לאנגע צייט פון הכנה דרבה און השתוקקות איידערן ארייננטרעטן צו זיין רבי'ן.

אבער צו זיין וואונדער, נעמט אים דער רבי אויף היבש קאלטמוטיג. גלייך ווי ער וואלט געווען אן איינפאכער ביזנעסמאן וועמען מ'דארף אפגעבן א טאקטישע ברוך הבא, און נישט אזויווי איינער פון זיינע גרעסטע תלמידים.

רבי בונם מיינט אז ס'איז בלויז אן איינמאליגע געשעעניש, אבער ווען די זעלבע ערשיינונג גייט אן פאר די קומענדיגע טעג, ווייסט ער אז 'יש דברים בגו'.

ער קערט זיך צו זיין חבר און רבי, דער יהודי הקדוש פון פרשיסחא זי"ע אויסצוגיסן זיין הארץ און זארג.

דער יהודי הקדוש גייט זאפארט אריין צום רבי'ן זיך נאכצופרעגן אויפן זיין באנעמונג, אבער די מאמענט ווען ער שפרייזט איבער די שוועל, רופט זיך דער רבי אן מיט א פראגע:

"פארוואס איז אונזער ר' שמחה בונם פון דאנציג אזוי פלאטשיג?".

דער יהודי הק' בלייבט שטיל, זיך נישט וועלנדיג ארייננמישן אינעם רבינ'ס פארבארגענע ענינים.

עס גייען אבער אריבער איינציגע טעג און דער רבי דרוקט זיך ווידער אויס צום יהודי הק':

"פארוואס איז אונזער ר' שמחה בונם פון דאנציג אזוי פלאטשיג?".

דער יהודי הק' פארשטייט יעצט אז דער רבי וויל אים עפעס מרמז זיין. ער גייט צו צו רבי בונם און זאגט אים איבער דעם רבינ'ס ווערטער.

רבי בונם ווערט דערציטערט און געפאלן. אום יענע סעקונדע זענען זיינע מדריגות אוועקגעגאנגען פון אים.

צדיקים ווערן נישט פארלוירן פון ימי קטנות. זיי האבן א קלארע וועג וואס מ'דארף דעמאלטס טון. ער גייט אריין אין שול האנטלנדיג א 'קרבן מנחה' סידור אין זיין האנט. יא, די זעלבע סידור וואס די עמי הארץ און נשים צדקניות פלעגן נוצן צום דאווענען.

ער עפנט די סידור און מיט א צעבראכן הארץ הייבט ער אן צו זאגן קאפיטלעך תהילים און די מעמדות, גלייך ווי פשוט'ער איד. מיט הכנעה, מיט פשטות און מיט א ריינקייט.

אויפאמאל, קומען זיינע מדריגות צוריק צו אים. ער פארשטייט גלייך אז דאס האט דער רבי געוואלט, און ס'איז אנקומען א שעת הכושר נאכאמאל ארייננצוגיין צום רבי'ן.

מיט א קלאפנדיגע הארץ קומט ער אריין אין צימער. דער רבי נעמט אים אויף מיט גרויס ליבשאפט און קירבה.

"איר מיינט מיר ווייסן נישט די יחודים וואס איר האט מייחד געווען אין דאנציג?", קלארט דער רבי אויס זיין פריערדיגע אויפפירונג, **"נאר א שטיקל הכנעה וואס מיר זענען נייגעריג** (-וואס מיר גלוסטן דערצו)**, האבן מיר אייך געוואלט א נאש געבן".**

מקור: הרבי ר' בונם



צו באקומען דעם גליון אין אימעיל שיקט אריין DD0722531385@gmail.com

# מדת היסוד (א)

## וואס איז דער מהות פון "מדת היסוד"? • וויאזוי ווערט אנגעזען צו מיר מאכן א זאך מיט מדת היסוד אדער נישט?

לענגאויס די פריערדיגע יארן איז אין ימי השובבי"ם אנגעקומען צום מערכת פונעם גליון "יחידתי" אין לשה"ק, פיל שאלות איבער דעם נושא פון מדת היסוד בכלל, און קדש עצמך במותר לך בפרט, ווי באקאנט איז איינע פון די גרויסע יסודות פונעם 'דרך החסידות' איז אויפלעבן די מצוה פון "קדושים תהיו" וואס חז"ל ערקלערן איר (יבמות כ.) קדש עצמך במותר לך - הייליג זיך מיטן זיך צוריקהאלטן אויך פון דברים המותרים. וואס די פשטות'דיגע חיוב פון די מצוה איז אז מען זאל זיך מאכן גדרים וסייגים אויך אין עניני היתר, נישט נאכגיין קיין תאוות, נישט זיין קיין נבל - א פראסטער, ברשות התורה - אפילו דארט ווי די תורה אסר'ט נישט [וכמבואר בדברי הרמב"ן הידועים ריש פרשת קדושים].

אבער ביי חסידים האט מען אפגעלערנט די מצוה מיט א טרעפל העכער. נישט נאר זיך צוריקהאלטן פון אומנויטיגע דברים המותרים. נאר קדש עצמך - הייליג זיך, שטייג אין קדושה, במותר לך - טאקע דורך די דברים המותרים, כלומר די דברים המותרים וואס מען דארף יא עוסק זיין, זאל מען טוהן מיט א העכערקייט און מיט א צוגעבינדנקייט צום אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין, דאס אליין וועט דיר ברענגען צו א וואונדערליכע קדושה און צו השגות אלקות. די ספה"ק ברענגען אלס מקור אויף דעם, דעם פסוק אין משלי (ג, ו) 'בכל דרכיך דעהו' וואס חז"ל זאגן דערויף (ברכות סג.) אז דאס איז א קליין פרשה שכל גופי תורה איז תלוי אין דעם.

און טאקע אין אט דעם ענין, איז פון די עיקרי החילוק צווישן די גשמיות פון א איד צו דאס זעלבע פון א גוי. א איד עסט און טרונקט און א גוי עסט און טרונקט, דער איד ארבעט פאר פרנסה און דער גוי ארבעט פאר פרנסה, און אזוי ווייטער מיט אלע גופניות'דיגע ענינים וואס נעמען ארום אונזער לעבנס שטייגער. דער פשוט'ער נגלה'דיגער מהלך איז צו ניצן דעם גוף **נאר** אויף צו טוהן רצון ה'. לערנען, דאווענען און מקיים זיין מצוות. מען דארף טאקע עסן און טרינקען און אנדערע צרכי הגוף, ווייל אויב נישט וועט מען נישט קענען ממשיך זיין מיטן מקיים זיין קיין שום עבודת ה', און דערמיט ווערט דער גוף גערעכנט ווי א כלי שרת וואס העלפט צו צו דינען דעם אויבערשטן. אבער די גשמיות'דיגע ענינים אליין זענען לויט דעם א הכשר מצוה אבער נאך נישט קיין מצוה, און זיי בלייבן פונדרויסן.

אבער לויט ווי תלמידי בעש"ט הק' האבן אונז געלערנט, קענען מיר פון אלע גשמיות'דיגע זאכן ממש מאכן "עבודת ה'". דאס איז די עומק הכוונה פון 'קדש עצמך במותר לך' צו אויפהייבן די גשמיות'דיגע זאכן וואס מיר טוען **יא**, עס מאכן פון חול **קודש**, און דערמיט משרה זיין שכינתו ית' בתחתונים. און מקדש זיין דעם **גוף** און די **עצמיות** בקדושה של מעלה.

מיר האפן בעז"ה צו ארויפברענגען אין לויף פון די קומענדיגע מסוגל'דיגע וואכן, אלע שאלות ותשובות ארום די נושאים, אויף א מסודר'דיגן אופן, וואס וועט מיט אויברשטנס הילף ברענגען א קלארקייט און ליכטיגקייט אין די יסוד'ישע סוגיא, פון די עיקרי הדברים ביז פראקטיש למעשה.

די רעדאקציע

## שאלה:

אט קומען די וואכן פון שובבי"ם וועלכע זענען מסוגל מתקן צו זיין מידת היסוד, איך וואלט געוואלט בעטן אויב איר קענט מיר מסביר זיין מיט א קלארקייט, וואס איז די עבודה פון מדת היסוד?

## תשובה:

איידער מיר וועלן צוגיין צו ענטפערן די שאלה, וועלן מיר צום ערשט מגדיר זיין די אפטייטש פון מדת היסוד, ווייל אין די ספה"ק טרעפן מיר דערויף פארשידענע הגדרות. און דערנאך וועלן מיר ממשיך זיין צו מבאר זיין די תשובה אויף די שאלה, וואס די עבודה פון מדת היסוד.

מצד אחד ווייסן מיר אז מדת היסוד איז 'דבקות' און 'התקשרות'. מצד שני איז 'מדת היסוד' די מדה פון 'משפיע זיין', און בא הכתוב השלישי און רופט אן מדת היסוד 'מדת התענוג'.

ווען מיר שמעלצן צוזאם אט די דריי הגדרות, קומען מיר צו אז די הגדרה פון מדת היסוד איז: **ווען א מענטש טוט עפעס (השפעה) וואס ער האט א געשמאק (תענוג) דערין, באופן אז ער איז כל כולו אינגאנצן מחובר דערמיט (התקשרות).**

ווייל ווען א מענטש טוט עפעס קאלטערהייט, אן חשק, חיצוניות'דיג, אן חיבור, אן געשמאק, טוט ער ווייניג, און די קוואליטעט איז שוואך. - און דאס איז ווייל ס'איז אן 'מדת היסוד'. דאגעגן די מידה פון יסוד איז ווען ער איז מחובר צו דאס וואס ער טוט, ער טוט עס מיט א השתוקקות, א ברען, ער לעבט דערין, ווייל ער האט דערפון א תענוג, א געשמאק (התחברות איז א תוצאה פון תענוג), און דאן איז וואס ער טוט, אסאך מער און מיטן מאקסימום שלימות. דאס הייסט אז 'מדת היסוד' איז די מדה וואס איז מחבר די אינעווייניגסטע כוחות פון א מענטש מיט וואס ער טוט למעשה.

### און דאס איז נוגע יעדע זאך אין די וועלט, נישט נאר ביי רוחניות.

לאמיר נעמען א משל פון צוויי מענטשן וואס ווילן קויפן א דירה אדער מעבל, ס'איז דא איינער וואס ס'אינטערעסירט אים קוים. און א צווייטער, וואס יעדע פרט דערפון גייט אים ממש אין לעבן, ער וועט זיין פארנומען צו טראכטן דערפון גאנצע טעג, ער וועט דערוועגן דמיונ'ען בייטאג און חלומ'ען ביינאכט, ער וועט זיך נאכפרעגן ביי יעדן, ער וועט אויפכאפן וואס מענטשן רעדן דערוועגן, ער וועט מברר זיין ווי אזוי עס צו מאכן די בעסטע וואס מעגליך, ווייל ער איז מחובר דערצו, דאס איז ביי אים זיין חיות, זיין תענוג. ער איז אינגאנצן דערביי. און ווען די זאך איז מצליח איז ער פול מיט תענוג אין קץ. ווייל ער האט עוסק געווען דערין מיט 'מדת היסוד'.

קומט אויס אז עס קענען זיין זאכן וואס מיר טוען אן 'מדת היסוד' און עס זענען דא זאכן וואס מיר טוען מיט 'מדת היסוד'. ביידע ווערן געטוהן, אבער **מען קען גוט אנזעהן דעם דראסטישן חילוק** צווישן זיי, אין ווי אזוי מיר פילן ביי זיך נאכן מצליח זיין צו ענדיגן די זאך, נאכן אנקומען צום ענדציל. דער וואס האט עס געטוהן מיט 'מדת היסוד', וועט שפירן א געוואלדיגע תענוג, אבער דער צווייטער וואס האט עס געטוהן אן דעם זיין מחובר, וועט מהיכי תיתי'דיג זאגן "נו, נישט שלעכט..."

און נאך מער קען מען דערקענען דעם הבדל, אין פאל די זאך האט לדאבונו נישט מצליח געווען, למעשה איז עס אים נישט געלונגען ווי זיינע ערווארטונגען. אויב רעדט זיך דאס פון א זאך וואס דער מענטש איז צוגעבינדן נפשיות'דיג דערצו, וועט עס אים שרעקליך וויי טוהן, ווייל זיין גאנצע מציאות, זיינע אינערליכע און אויסערליכע כוחות זענען 'אריינגעגאנגען' אין די פעולה. און אויב דאס איז נישט מצליח, האט זיין גאנצער מהות און אלע כוחות זיינע געהאט דעם דורכפאל. אבער אין פאל ער טוט עס בלויז אלס חיצונית'דיגע פעולה, אן 'מדת היסוד', אן התקשרות, ווייל ער האט נישט קיין שום אינטערעס און תענוג דערפון, ווערט ער נישט צו שטארק איבערגענומען דערפון, "אז נישט איז נישט".

אין קורצע ווערטער: 'מדת היסוד' טוישט די **איכות** פון יעדע זאך, עפעס וואס ווערט נישט געטוהן מיט 'מדת היסוד' פארמאגט אסאך א שוואכערע קוואליטעט, עס איז חיצוניות'דיג, קאלט, נישט לעבעדיג, און נישט מחובר. דאגעגן זאכן וואס ווערן יא געטוהן מיט פנימיות, מיט חיות, מיט אינערליכע ברען, ווערן אנגערופן געטוהן מיט 'מדת היסוד'.

### מיט אט די גאנצע הקדמה קענען מיר פארשטיין, פארוואס איז 'מדת היסוד' אין דברי חז"ל און די ספה"ק אזוי קריטיש וויכטיג.

פארוואס האבן זיי אזוי מחמיר געווען, און אזוי שטארק אכט געגעבן אז א מענטשנ'ס 'מדת היסוד' זאל זיך געפונען אין 'דברים שבקדושה און נישט ח"ו ביים היפך הקדושה - ווייל ווי געזאגט, די מדה איז נישט קיין פרטי'שע, דער גאנצער מענטש, מיט זיין גאנצע מחשבה דיבור און מעשה, געפינט זיך דערביי. אויב זיין 'תענוג' געפונט זיך ביים אויבערשטן, ביי אידישקייט, איז ער מחובר צו השי"ת, און אויב זיין 'געשמאק' איז חלילה אין אנדערע זאכן, איז ער אינגאנצן מחובר ח"ו אהין.

רימון | עיצוב ותדמית BRN


דער גליון ווערט געדרוקט און פארשפרייט וועכנטליך אין די שווערע טויזנטער אויף 'לשה"ק' און 'אידיש', אין ארץ ישראל, אמעריקע, קאנאדע.
צו נעמען א חלק אין די געוואלדיגע זיכוי הרבים רופט: 347-428-6483